STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08113

BEYNASHMOSHES

J. Kahan

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב כהן

★

בין השמשות



יעקב כהן

יעקב כהן
בן אהרן

בין השמשות

(לידער אין פרייע פערזן)

פאַרלאַג „המנורה", תל-אביב
תשכ"ו — 1966

JACOB KAHAN
BEIN HASHMASHOT

יעקב כהן / בין השמשות

פאַרלאַג „המנורה״, רח׳ זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
„Hamenora" Publishing House, 24, Zangwill St.,
Tel Aviv, Israel

©

Copyrigt by autor

J. Kahan

1517 Jesup Ave. Bronx 52, N.Y.

Printed in Israel 1966

נדפס בישראל תשכ״ו

דפוס „אורלי״, תל־אביב, טל. 32062

אַרײַנפֿיר

דאָס בוך „בין השמשות", איז דעם מחברס דריט אַרויס־געגעבן לידער־בוך. אַחוץ אַ לידער־מאַנוסקריפּט א. נ. „פֿון זיך" (אינעם פּרײַען פֿערז), וואָס איז אין די דרײַסיקער יאָרן געשיקט געוואָרן פֿון ביאַליסטאָק קיין פּאַריז צו אַ זשורי פֿונעם ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־צוזאַמענפֿאָר, צוזאַמען מיט אַ מאַנוסקריפּט א. נ. „מיט די כוואַליעס פֿון לעבן" (ראָמאַן).

די אויבנדערמאָנטע מאַנוסקריפּטן, וואָס זײַנען ביז היינט נישט געוואָרן צוריקגעקערט, זײַנען געשיקט געוואָרן אויף דער ווענדונג פֿון דער יידישער פּרעסע צום פּרעמירן טאַלענטירטע יונגע מחברים און זיי העלפֿן אַרויסגעבן זייערע ווערק.

אין לידער מאַנוסקריפּט א. נ. „ערשטע פּרוכטן", וואָס איז געבליבן אין מחברס היים, האָט, ווייזט אויס, געטראָפֿן דער זעלבער גורל, וואָס עס האָט געטראָפֿן זײַן משפּחה, מיט גאָר זײַן האָב־און־גוטס. ליידער, איז דערווײַל דעם מחבר נישט געלונגען די מאַנוסקריפּטן צו רעסטאַווירן.

*

אָנגעהויבן שרײַבן לידער האָט דער מחבר גאָר יונג. און געשריבן האָט ער אין גראַם און אין פֿרײַען פֿערז. און

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט ער אַ טייל לידער פאַרעפנט־לעכט אין „צוויט“, „אויפקום“ און אין זישע באַגישעס „אינזל“ (ביאַליסטאָק).

נאָך אַן איבעררייס פון אַ ריי יאָרן האָט ער צוריק אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן לידער אין אַ ריי צייטונגען און זשורנאַלן, אונטערן אייגענעם נאָמען און אונטער פסעוו־דאָנימען: „בן אהרן“ און אַנדערע.

זיין ערשט אַרויסגעגעבן לידער־בוך „פון אייגענעם גאָרטן“, האָט ער פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1949, אין פאַריז. דאָס צווייטע — „אין פלאַם פון דאָרן“ — אין פאַרלאַג „המנורה“, אין 1965, אין תל־אביב.

אינהאַלט

	הקדמה	5
א.	די קרוין פונעם בעסטן	11
ב.	דער בין־השמשות	12
ג.	ווי אַ פאַרמאַכטער קנאָספּ	13
ד.	די שפּע אַרום מיר	14
ה.	מיינע וועגן	15
ו.	די וואָס האָסן זיך	16
ז.	ווי אַ בוים	17
ח.	זיי	18
ט.	די זון	19
י.	דאָס ליכט	20
יא.	אין גאָלד און אין דימענטן	21
יב.	די רויז	22
יג.	ביים באַרג	23
יד.	דער פרימאָרגן	24
טו.	די טעמפּלען	25
טז.	ביים טייך	26
יז.	דער פּאָעט	27
יח.	איך ווייס	28
יט.	איך ווייס נישט	29
כ.	איך בין	30
כא.	די גרויסע שעה	31
כב.	שענק מיר די פרייד	32
כג.	איך בלאָנדזשע	33
כד.	דער ווינט	34
כה.	די פרייד	35
כו.	די זון	36
כז.	רייך איז דאָס לעבן	37
כח.	ווען געווען	38
כט.	דער פּאָעט	39
ל.	פול מיט סודות	40
לא.	אַלץ פאַרגייט	41
לב.	עס שרייט דאָס לעבן	42
לג.	נישט פאַר אייך	34
לד.	עס האָט מיר היינט	44

לה.	קומען וועט אַ טאָג	45
לו.	דאָס אָרט	46
לז.	גאָרנישט איז מיינס	47
לח.	איך האָב אַרויסגעבראַכט	48
לט.	אַלץ איז דיינס	49
מ.	ס'איז אפשר אַלץ	50
מא.	ווען דו האָסט מיר	51
מב.	מיינע טרוימען	52
מג.	ווי מיט קלאַווישן	53
מד.	פאַרהוילן איז מיר	54
מה.	איין שטויבל בלויז	55
מו.	וועגן זיינען פאַראַן	56
מז	איך וועל צו דיר זינגען	57
מח.	מיין צייט איז באַגרענעצט	58
מט.	דער וועג איז	59
נ.	אָפטמאָל וויל איך	60
נא.	ווען מיד איך ווער	61
נב.	נישט איינמאָל	62
נג.	איינגעקלאַמערט	63
נד.	איך האָב זיך נישט	64
נה.	דו ביסט פריי	65
נו.	אַלע טירן	66
נז.	הויך אין הימל	67
נח.	אויסגעקנאָטן	68
נט.	איך ווייס נישט	69
ס.	איך זוך	70
סא.	ווי אַ זומער־פייגעלע	71
סב.	אַ פאַרגאַפטער	72
סג.	לוסטיק און צעשפּילט	73
סד.	מיין לעבן	74
סה.	איך בין געווען	75
סו.	אין געלויף פון צייט	76
סז.	ביים שוועל	77
סח.	דער לערער	79
סט.	וואָס איז דאָס	80
ע.	איז פאַראַן נאָך עפּעס	81
עא.	ווער איז דער	82
עב.	ווען זייער צייט איז געקומען	83
עג.	עס לויערט די צייט	84
עד.	איך רודער אַרום	85
עה.	אויפן וועג צום טעמפּל	86

עו.	זיי זאָגן	87
עז.	אונטער דער האַנט פון רשע	88
עח.	איך האָב געפונען	89
עט.	איך ווייס אַז אויך דו	90
פ.	פעסט און איינגעעקשנט	91
פא.	ווען פאַרלאָזן פון אַלע	92
פב.	אויב אומעטיק זיינען	93
פג.	אויב פאַרריסן	94
פד.	איך האָב געפונען	96
פה.	דער טאָג פאַרגייט	97
פו.	איך בין געקומען	98
פז.	איך האָב באַגעגנט אַ פרוי	99
פח.	עס פלאַטערט מיין האַרץ	100
פט.	איך וועל מער נישט צוימען	101
צ.	ווי קינדער צעשפילטע	102
צא.	צוריק איך בין געווען	103
צב.	איך וועל זינגען	104
צג.	אַרומבויען איך וויל	105
צד.	איך וועל וועבן	106
צה.	צי קאָרטשען זיך אויך	107
צו.	איך ווייס נישט פאַר וועמען	108
צז.	ס'איז דער וועג	109
צח.	איך וויל אַרויס	110
צט.	נישט גלייך איז	111
ק.	וואָס נאָך קען איך דיר געבן	112
קא.	דו טורעמסט	113
קב.	באַצאָל !	114
קג.	שטייט אויף איר שוואַכע	115
קד.	און אַז קומען וועט	116
קה.	פאַרשפילט ער האָט	117
קו.	די פלאַמען	118
קז.	אָ, גיב מיר	119
קח.	איך האָב דיך נישט געקענט	120
קט.	ביסט געווען	121
קי.	איך זוך	122
קיא.	שעה נאָך שעה	123
קיב.	לאָמיר זיך אויפהערן קריגן	124
קיג.	ווען אַליין	125
קיד.	איך זיץ ביים ברעג	126
קטו.	קום אַרויס, ברודער !	127
	ביכער פון יעקב כהן	128

א

די קרוין פונעם בעסטן

די קרוין פונעם בעסטן וואָס אין מיר, טרינקט מיר אָן מיט אַ פֿאַרשיכּורנדיקער זיסקייט.

דער מיראַזש פֿון אירע איידל־שטיינער, איז ווי אַ נעץ ביי מיינע פּיס.

און ווי אַ באַטרונקענער וואַרף איך זיך אָן אויפהער אין די אָרעמס פֿון איר געפֿאַנג.

כאָטש איך ווייס, אַז זיין וועל איך צו איר פֿאַרקנעכט דעם גאַנצן דויער פֿון מיין זיין, איז זי דאָך דער איינציקער אָנהאַלט פֿון מיין לעבן.

יעקב כהן

ב

דער בין השמשות

דער בין השמשות פון מיין לעבן, פאַרשטעלט דאָס ליכט אין מיר.
אַלץ אין מיר טונקלט, אַ חוץ די געציילטע רגעס פון מיין יום־טוב.
די טעג לויפן מיך פאַרביי ווי נאַכטיקע שאָטנס.
און ווי אַ אורח ביי דער אייגענער טיר, וואַרט איך אויפן ליכט־פלייץ וואָס זאָל אין מיין הויז אַריינשטראָמען.

ג

ווי אַ פאַרמאַכטער קנאָספּ

ווי אַ פאַרמאַכטער קנאָספּ, זיץ איך אין דער תפיסה פון מיין זיין. —

איך וואַרט אויפן פרילינג פון מיין לעבן, ווי די בלום, אויפן זוניקן שטראַל.

ענג איז מיר אין מיין אייגן הויז און איך גאַר פון דער דאָזיקער ענגשאַפט זיך צו באַפרייען.

און ווי אַ בוים — אויפסניי זיך צעבליִען איך גלוסט, נאָר אינעם ציקל פון דער אייגענער צייט.

ד

די שפּע אַרום מיר

די שפּע אַרום מיר, קען נישט שטילן מיין גייסט. מיין קליינער אָפּשפּאָר דריקט אויף מיר ווי אַ שווערע לאַסט און קען מיך פון זאָרג נישט באַפרייען.

אין די שפּילצייגן פון טאָג, קען איך מיין רו נישט געפינען.

און מיטן אָנקום פון דער נאַכט, שטאַרקט זיך נאָך מער די פאַרלוירנקייט אין מיר.

מיין גייסט איז אומרואיק און איך בין פול מיט ספקות.

ה

מיינע וועגן

מיינע וועגן זיינען נישט באַלויכטן און דאָס ליכט פון מיינע אויגן איז טונקל.

די מענטשן זיי שרייען: „נישט זוך, מיר האָבן שוין דעם וועג געפונען”.

נאָר איך נייג מיין אויער צו זיי נישט צו.

איך בין איינגעעקשנט און פּרוּוו אַליין זוכן מיין וועג.

נאָר די מענטשן זיי לעסטערן מיך, זיי קענען מיין עקשנות נישט פאַרטראָגן.

יעקב כהן

ו

די וואָס האַסן זיך

די וואָס האַסן זיך באַנאַנד קענען אויך מיר
נישט פאַרטראָגן.
ליב איז זיי זייער גאווה, ווי ליב ס׳איז דעם
שיכור זיין געטראַנק.
שקר און חניפה איז זייער ברויט, און אין מיר
שטורעמט דער אמת ווי אַ ווולקאַן.
רודפן זיי מיר, ווי עס רודפט דער שטאַרקער
דעם שוואַכן.
נאָר טראָגן איך וועל אויף זיך די לאַסט
פון זייער שנאה, מיט ווירדע און אמת.

ז

ווי אַ בוים

איך בין ווי אַ בוים, וועמענס צווייגן זיינען געוואָרן אָפּגעהאַקט אין מיטן פון זיין בלי.

דער שטאָם איז געבליבן, נאָר גרוים איז דער שניט, וואָס האָט זיך איינגעשניטן אינעם בוים.

און כאָטש מען האָט פאַרבונדן זיינע ווּנדן, קען ער צו זיך נישט קומען.

די ערד באַנייט זיך אין דער צייט, נאָר דער בוים קען זיך נישט באַנייען.

און ער וואַרט נאָך אַלץ אויף זיין פרילינג.

יעקב כהן

ח

זיי

זיי, וואָס ווילן גרייכן די לבנה און די שטערן,
זיינען פול מיט איינריידעניש און גאווה.
די וואָס ווילן איינגעמען דעם רוים, קענען דאָס
מינדסטע ווערעמל נישט באזיגן.
זיי ווייסן נישט דעם וועג פון דער אַמעבאַ און
פונעם קעמערל אינעם אייגענעם לייב.
די וואָס שפּאַלטן דעם אַטאָם, קענען דעם
קנאָספּ אויף בליאונג נישט עפענען.
זיי, וואָס רייסן זיך צו די הימלען, קענען זיך
פון דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט נישט באַפרייען.

ט

די זון

די זון וואָס האָט זיך ביים ראַנד פון מערב
געזעצט, האָט מיך פול טרויעריק געמאַכט.
דאָס ליכט, וואָס האָט מיר די פרייד פונעם טאָג
געגעבן, ראַנגלט זיך אַצינד אַליין פאַר איר לעבן.
געפאַנגען דורך די אַנקומענדיקע שאָטנס, ברעכט
זי זיך אינעם אייגענעם פלאַם.
איר אייגן לייב ווי קרעם זי שלינגט, ביז פאַר-
שלונגען זי ווערט אינגאַנצן פון דער נאַכט.

יעקב כהן

ו.

דאָס ליכט

דאָס ליכט וואָס האָט זיך היינט איבער מיר צעשמייכלט, האָט מיר מיט פרייד אָנגעטרונקען און אין מיר אַ חיות אַריינגעגעבן.

די עקסטאַז פון לעבן זי האָט אין מיר געצונדן און געהיילט מיינע ווונדן.

און ווי מיט אַ צאַרטער האַנט באַרירט, האָב איך אויפגעלעבט.

איך האָב אויפגעוואַכט, און פאַר איר דאָס געזאַנג פון לעבן געזונגען.

יא

אין גאָלד און אין דימענטן

האָסט מיר אין גאָלד און אין דימענטן געצירט.
מיט אַ ברייטער האַנט אַ געשאַנק געגעבן.
נאָר נישט געפרעגט האָסט מיר און איך דיין
מתנה אָננעמען האָב געמוזט.
קיין גרויס פרייד האָט זי מיר נישט פאַרשאַפט.
זי דריקט ווי אַ שווערע משא אויף מיין נאַקן.
נאָר אַצינד, ווען שוין געוווינט צו דעם יאָך,
מאָנסטו צוריק דיין געשאַנק.

יעקב כהן

יב

די רויז

די רויז וואָס האָט אין דער זון געגליט, האָט
מיר צום לעבן פאַרשיכורט.
מיינע אויגן איר סאַמעט־בלאָ האָבן געצערטלט,
און איר איידעלן אַראָמאַט כ'האָב אין זיך אַריינגענו־
מען.
דאָס טאַנצן פונעם פלאַטערל האָט נאָך אין
מיר די אַנטציקונג פאַרגרעסערט.
און ווי פון ווייַן באַרוישט, האָב איך לעבן איר
אין אַלע מיינע דאגות פאַרגעסן, און אַ פאַרגאַפּטער,
זיך און די צייט נישט געפילט.
איינס מיט דער רויז איך בין געוואָרן, ווי איך
בין געוואָרן איינס מיטן באַצויבערנדיקן פאַרבן־שפּיל.
ערשט די זון, וואָס האָט זיך צום מערב גענייגט,
האָט מיך פון איר צויבער אַרויסגעריסן.

יג

ביים באַרג

ביים אָפּהאַנג פון באַרג איז דער לערער געזעסן פאַרטראַכט.

די פרילינג-זון האָט זיך געשפּילט מיט די אַרו־מיקע שאָטנס, און אַ לייכט ווינטל האָט פון ערגעץ אַ בשׂמים-ריח אָנגעטראָגן.

אַ פרוי איז געקומען און האָט פאַר אים איר האַרץ אויסגעגאָסן.

„לערער", האָט זי געזאָגט, „איך בין אָרעם, זייער אָרעם. און איך האָב נאָך פונעם לעבן נישט גענאָסן".

דער לערער האָט זי אויסגעהערט און געזאָגט:

„פאַרברעך נישט די הענט, אָרעם באַשעפעניש. דאָס לעבן האָט ווייניק גליק. עס קריגט קיינער נישט קיין פולע הויפנס נחת, אויך נישט דער, וואָס איז פול מיט עשירות.

דעם מענטשנס גרעסטער אוצר איז די האָפע־נונג, באַהאַלט זי אויף אייביק אין דיין האַרץ".

יד

דער פרימאָרגן

דער פרימאָרגן האָט מיך היינט באַגריסט.
ער האָט מיר די בשׂורה פון מזרח געבראַכט.
דאָס האַרץ אין מיר האָט זיך געצאַפּלט, און איך האָב געוויינט מיט טרערן פון פרייד.
און ווען צו זיך איך בין געקומען, האָט שוין די בשׂורה גערוט אין אַלע הייזער פון מיין פאָלק.
איך האָב אויפגעלעבט, נאָר בין אָן זאָרג נישט געווען.
מורא איך האָב באַקומען פאַר די פיינט ביי די טויערן און פאַרן שונא פון אייגענער שוואַכקייט און צעריסנקייט.
און אַ תפילה האָבן מיינע לעפצן געמורמלט:
„אָ, נישט פאַרשעם מיך, פאַרשעם מיך נישט ווידער.
און זיין זאָל די בשׂורה, איינמאָל און אויף אייביק”.

טו

די טעמפלען

די טעמפלען זיינען הויכע און פעסט געבויטע.
רייך אין זיי איז די אויסשטאַטונג, און פון אַלע ווינקלען שרייט דער קאָמפאָרט אַרויס.

די מתפללים, אין אייגענע אויטאָס צוגעפאָרענע, זיצן אין ווייך-געבעטע שטולן און בעטן אין אַן אומפאַרשטענדלעכער, פאַר זיי, שפּראַך

זיי פּרעפלען פון גייסט, ווען קיין גייסט איז ביי זיי נישטאָ.

זיי ריידן פון ליבע, ווען פול זיינען זייערע הערצער מיט גיפט און האַס.

זיי בעטן צו גאָט, ווען גאָט קען אין אַזאַ פאַררייסן הויז זיך נישט געפינען.

טז

ביים טייך

ביים ברעג פון טייך איז דער לערער געזעסן.
אַלץ אַרום איז אַזוי שטיל געווען.
אינעם אָוונט־דעמער, האָט מען נאָר געהערט
דעם גערויש פון די כוואַליעס.
דער מידער טאָג און דער מאַנאָטאָנער וואַסער־
גערויש, האָט אים צום שלאָף פאַרוויגט.
אַ פרוי איז צו לויפן געקומען: „אָ, העלף מיר,
רבי! מיין מאַן שטאַרבט און איך פאַרליר דעם אָנהאַלט
פון מיין לעבן".
„איך קען גאָרנישט טאָן, אומגליקלעך באַשע־
פעניש.
אַלדאָס צייטלעכע פאַרגייט, ווי די שטערנס
אין דער נאַכט.
און אין גאַר דעם לעבנס־קאַראַהאַד, קריגט
יעדער איינער נאָר איינמאָל זיין חלק".

יז

דער פּאָעט

דער פּאָעט שפּילט אויף די פּעדעם פון זיין האַרץ, ווי אויף די סטרונעס פון אַ פידל.

ער ציט פון זיי אַרויס אַלערליי טענער.

ווען פול מיט פרייד איז דאָס האַרץ, שפּילט זיין לאַכנדיק געמיט אַ פריילעכס.

אַ טרויער־מאַרש שפּילט ער, ווען איבערפולט מיט צער ער איז. פון די שווערע וואָלקנס וואָס הויערן איבער אים.

יח

איך ווייס

איך ווייס, נישט אויף אייביק איז מיין גע־
ווינס.
אין איינעם אַ טאָג וועט די שלאַכט זיך אָנ־
הייבן אויפסניי.
און דאַן וועל איך צוריק אַלץ פאַרלירן.
נאָר ווייל איך האָב מער נישט קיין האָפע־
נונג צו געווינען, וועל איך זיך אַליין נישט איינשטעלן
אין קאַן.
נאָר רואיק איך וועל וואַרטן אויף זיין קומען.
ביי דער שוועל פון מיין הויז.

יט

איך ווייס נישט

איך ווייס נישט פאַר ווען און צו וואָס איז
מיין קומען.

אין דער אַלפאַרלוירנקייט, ווער איך אַ שטויבל
געטראָגן צווישן וועלטן.

אַן אויפבליץ איך בין אין דער אָנסופיקייט פון
צייט, און אין שטורעם פון די וואַסערן איך ווער
געטראָגן.

ביז, ווי אַליץ, וועל אויך איך אַריין אין דער
פולקייט.

כ

איך בין

איך בין ווי דער זאמלער פונעם קעניגס
מתנות.
און כאָטש איך האָב זיין עול אויף מיר קיינמאָל
נישט גענומען, וועל איך פאַר אים טאָן מיין פליכט.
און ווען אפילו איך וועל אַ מאָל פאַרהאַלטן פון
זיין געצאָלט, וועל איך אַלצאיינס אים אָפּצאָלן מיט
איין מאָל.

כא

די גרויסע שעה

די גרויסע שעה איז נישט געקומען און דער באגער פון מיין הארץ נישט געווארן איז דערפילט.
ווי א בלום האט די האפענונג אין מיר געבליט, און ווי א פלאם מיינע געוועבן זי האט געצונדן און מיר צום לעבן פארשיכורט.

אצינד אבער, ווען די אויסגעבענקטע שעה איז נישט געקומען, איז אלץ אין מיר אזוי ליידיק, ווי אין מאמענט פון מיין געבוירן.

כב

שענק מיר די פרייד

אָ, שענק מיר די פרייד אין דער אומעטיקער
נאַכט.
זאָל ביטערניש נישט מער טריפן אין מיין
בעכער.
ווען איך בין יונג געווען, האָסטו די טעג פון
מיין פרילינג צעשטערט.
אַצינד אָבער, ווען נישט מער יונג איך בין,
לאָז אויפגיין ווי טוי די טעג פון מיין הארבסט.

כג

איך בלאָנדזשע

איך בלאָנדזשע אין אַלע טונקלענישן.
אינעם גרויסן געפּלאָנטער, ווער איך פאַרלוירן.
אויף אַלע די וועגן, ווערן מיינע פּים געשטרוי-
כלט.
און כאָטש פול מיט רייד זיינען די חכמים,
קען איך אין אַלע זייערע באַשיידן, קיין באַשייד
נישט געפינען.

יעקב כהן

כד

דער ווינט

דער ווינט ווי דער מענטש, יאָגט זיך נאָך דער־
פילונג.
אינעם אייגענעם קלעם, זיינען אלע, אלע זאכן.
דעם קנאָספּ פון זיין פינצטער לייזט אוים
דער זוניקער שטראַל.
צו ליכט און פרייהייט גאַרט אויך א מענטשנס
האַרץ.
נאָר ווער וועט א האַרץ פון איר פינצטער
אויסלייזן ?...

כה

די פרייד

די פרייד איז גרויס געווען, ווען איך האָב ס'ערשטע מאָל דיין שוועל באַטראָטן.
דיין הארץ פאַר מיר האָסט געעפנט און ווי זוניקע שטראַמען זיינען אין מיר אריין.
אונדזערע הערצער באַגעגנט זיך האָבן און ווי בלומען זיך צעבליט.
ס'איז געווען דער יום־טוב פון אונדזער לעבן.
און געמיינט האָב איך, אַז דער פרילינג וועט אייביק דויערן.
נאָר נישט לאַנג גענומען האָט עס מיר צו וויסן, אַז ווי אַ בליץ שיינט אַלץ אויף און פאַרגייט.
און ווי אַ צעבראָכענע שפּילצייג ליגט אַצינד דיין ליבע ביי מיינע פיס.

כו

די זון

די זון וואָס העלט אויף אינעם מאָרגן, העלט אויך אריין אין מיין האַרץ.
ווי נישטיק איך בין קעגן גרויסן געפלאַקער, גיי איך ווי אַ שפּראָץ אויף מיט לעבן.
איך ליכט אין זיך איך נעם אריין, און בין פול מיט פרייד.
גרינג זיינען מיר דאַן די געוועבן און פול מיט עקסטאַז מיין דאַ־זיין.

כז

רייך איז דאָס לעבן

רייך איז דאָס לעבן, נאָר איך בין אַזוי אָרעם.
ווי אַ זון גייט אויף די פרייד, נאָר איך קען פון איר נישט געניסן.
העל אַזוי איז דאָס ליכט, מיינע אויגן אָבער זיינען טונקל.
פול זיינען די באַגערן, מיינע כוחות נאָר אַזוי נישטיק.

יעקב כהן

כח

ווען געוועזן

ווען געוועזן מיט מיר איר זענט, איז אַלץ אַזוי פּשוט געוועזן.

אַצינד אָבער ווען איר זייט מער נישטאָ, פֿיל איך אַן אויפֿהער דעם פֿאַרלוסט.

דער צער און פּיין איז גרויס.

פּוסט זיינען מיר די טעג געוואָרן. און אָן באַדייטונג.

אַליין אויף די וועגן איך שלעפּ זיך. און וואַרט נאָך אַלץ אויף אייער קומען.

כט

דער פּאָעט זאַמלט

דער פּאָעט זאַמלט זיינע לידער, ווי דער אָרע־
מאַן זיינע גראָשנס.

קאָרג איז ער, פון זיי עפּעס אַראָפּצונעמען.

און כאָטש ער ווייסט נישט פאַר וועמען און
צו וואָס איז זיין מי, וועט ער זיי ווייטער זאַמלען אין
זיין אוצר.

און אין אייגענעם אָנשטרענג וועט ער זיין
שכר געפינען.

יעקב כהן

ל

פול מיט סודות

פול מיט סודות איז אַלץ אַרום מיר.
אַ פאַרגאַפּטער שטיי איך אַליין אויף די וועגן.
פון געפלאַטער פונעם פויגל, הער איך מיין אָטעם אַרויס.
אינעם געמורמל פון די וואַסערן, פאַרנעם איך דעם גערויש פון מיין האַרץ.
אינעם כּישוף פון צעבלי, איז די תאווה צום לעבן.
און אין אַלץ איז די מעשה בראשית פאַראַן.

לא

אַלץ פֿאַרגייט

אַלץ פֿאַרגייט אין אייגענעם שפּיל. —
ס׳פֿלאַטערל זיין פֿרייד טאַנצט אוים. אינעם קורצן טאָג.
די בלום איר שיינקייט צעוואַרפט און פֿאַרוויאַ-נעט.
זיין לעצטן ניגון זינגט דער פֿויגל אוים און פֿאַרשטומט.
מיטן לעצטן צאַפּל ענדיקט דער מענטש זיין וועלט.
און אין וואַרעמען שוים פֿונעם שטראַל פֿאַר-שווינדט דער טראָפּן.

יעקב כהן

לב

עס שרייט דאָס לעבן

עס שרייט דאָס לעבן פון אַלע מיינע גלידער
אַרויס.
נישט דו האָסט מיך געפרעגט, נישט דיך אָפּ-
האַלטן איך האָב געקענט.
האָסט מיר פונעם נישט אַרויסגעצויגן און
אויפן שאַל פון גורל געוואָרפן.
טראָג איך דיין יאָך און ראַנגל יעדע שעה מיין
לעבן אויס.
און כאָטש שווער איז מיין זיין, האַלט איך
ווייטער אָן דיין כּישוף.
נאָר דו, וואָס האָסט מיר צום לעבן גערופן,
טרונק ווייטער אָן מיינע געוועבן, ווי אין די טעג פון
מיין בראשית.

לג

נישט פאַר אייך

נישט פאַר אייך איז דעם באַשייד צו באַשיידן.
נישטיק איז אייער איינריידעניש, ווי נישטיק
עס איז אייער דאָ-זיין.
עס זיינען אַלע זאַכן אין זיך אַליין פאַרקנוילט.
איבער די הייכן איר ווילט רייטן, און אויף
דער ערד שווער זענען אייערע טריט. —
פול מיט פאַנטאַזיע איז אייער פאַרטראַכט, —
נאָר דאָס אַזוי פשוטע קענט איר נישט באַנעמען.
מיטן אייגענעם מין קענט איר נישט הויזן,
און צו דער זון און די שטערנס טוט איר זיך רייסן.
זיך אַליין קענט איר נישט באַהערשן, און באַ-
צווינגען איר ווילט גאָר די מרחקים.
ניין! נישט פאַר אייך איז דעם באַשייד צו באַ-
שיידן.

לד

עס האָט מיר היינט

עס האָט מיר היינט די בלום אַ מעשה דער־ציילט.
אַ מעשה פון פרייד און טרויער.
ווען דער טאָג מיט זון געווען איז אָנגעטרונקען און די בין פאַרגאַפט איר זאַפט האָט געזויגן, איז דער בלומס האַרץ פול פרייד געווען.
נאָר ווען אַ פלאַטערל האָט אין דער נאַכט צו ערגעץ אַ ליכט געאײַלט און איז צווישן אירע בלעטער אַוועקגעפאַלן, איז די בלום מיט פיל טרויער געווען.

לה

קומען וועט אַ טאָג

קומען וועט אַ טאָג, ווען אויך איך וועל אַריין אין הויף פון שטילקייט.

אַלץ אין מיר וועט פאַרפרירן און איך וועל פאַרזונקען אינעם שווייגן.

נישט זען מער איך וועל דאָס ליכט פון טאָג און אויפגאַנג פונעם מאָרגן־רויט.

מיין האַרץ וועט מער נישט פלאַטערן אין ווײ פון ליבע און אין פיין פון פאַרגיי.

און קומען וועט די שעה, ווען אַלץ אין מיר וועט פאַרבלאָזן אין שטויב.

עס וועט קיין זכר נישט לאָזן מיין גוף, ווי עס לאָזט נישט קיין זכר דער געדונצל פון די וואַסערן.

פאַרשלינגען מיך וועט די שטילקייט, ווי אַ שיף ווערט פאַרשלינגען פון די טיפענישן פון ים.

יעקב כהן

לו

דאָס אָרט

דאָס אָרט פון אומבאַוווּסטן איז מיר נישט באַקאַנט.
נאָר אויב אומעטום ער איז, — האָב איך אַליין גאָר קיין אָרט נישט.
אויב אַלץ איז זיינס, בין איך אַליין גאַרנישט ווערט און בין איינגאַנצן און אויף אייביק צו אים פאַרשולדיקט.

לז

גאָרנישט איז מיינס

גאָרנישט איז מיינס, ווי נישט מיינער איז דער גלויבן און די ספקות. —

אינעם אייביקן גערקנויל, איז אויך מיין פאָדעם פאַרקנוילט.

פון דער רגע פון מיין געבוירן, בין איך אַ שטויבל אינעם געשטויב פון די וועלטן.

איך ווער פאַרלוירן אינעם אייגענעם געפּלאָנ־טער, ווי אין די אומקלאָרע וועגן פון דער וועלט.

און הגם איך ווייס, אַז אומזיסט איז מיין זוכן, וועל איך זיך דאָך נישט אָפּזאָגן פונעם אָנשטרענג.

יעקב כהן

לח

איך האָב אַרויסגעבראַכט

איך האָב אַרויסגעבראַכט מיינע בלומען, און
אייך אויפנעמען בין געווען גרייט.
אַלע לאָמפּן איך האָב צעצונדן און די טירן פון
מיין הויז פאַר אייך האָב צעעפנט.
מיין האַרץ פון פרייד האָט זיך געצאַפּלט און
ווי אַ פרימאָרגן איז אַ ליכט אין מיר אויפגעגאַן.
נאָר איר זייט נישט געקומען.
און פאַרשוווּנדן איז דאָס ליכט אין מיר און
אויסגעלאָשן זיינען געוואָרן אַלע לאָמפּן אין מיין הויז.

לט

אַלץ איז דיינס

אַלץ איז דיינס, ווי ס׳איז דיינער דער פרילינג צעבליטער און דאָס וועלקן פון די בלומען.
ס׳איז אַלץ דיינס, ווי ס׳איז דיינער דער מאָרגן־רויט און דער זון־פאַרגיי.
ווי ס׳איז אויך דיינער דער שמייכל פונעם קינד און דאָס פאַרליימען פונעם בעל־חי.

יעקב כהן

מ

ס'איז אפשר אַלץ

ס'איז אפשר אַלץ אַזוי קלאָר, ווי ס'איז קלאָר דאָס ליכט פונעם טאָג.
ס'איז אפשר אַלץ אַזוי פשוט, ווי די לופט וואָס מיר אָטעמען און דאָס ברויט וואָס מיר עסן.
נאָר מיר אַליין אין אונדזער פול-גיריקייט פאַרפּלאָנטערן דאָס אַלץ.
זייט מענטש איבער מענטש האָט זיך גענומען דערהייבן, איז אַלץ אַזוי צעמישט געוואָרן.
און אַלץ גרעסער און גרעסער איז די צעמישונג און די פאַרלוירנקייט אין אונדז.

מא

ווען דו האָסט מיר

ווען דו האָסט מיר מיט איינמאָל אַלץ געגעבן, איז מיר דיין מתנה אַזוי גרינג געווען.

אַצינד אָבער, ווען דו הייבסט ביסלעכווייז אָן צוריקנעמען, איז אַלץ אַזוי שווער געוואָרן.

נישט צו רייך איז דיין מתנה באַלד געווען.

האָסט מיר אַלץ געגעבן נאָר בצמצום, און איך פון איר אָפּשפּאָרן האָב נישט געקענט.

נאָר דו, וואָס גיסט און נעמסט צוריק, צו וואָס דאָס איילן זיך? וועסט סיי ווי אָפּנעמען אַלץ מיט איינמאָל. —

מב

מיינע טרוימען

מיינע טרוימען איך האָב אייך אַנטקעגן גע־טראָגן, ווי מען טראָגט אַנטקעגן אַ מתנה.
מיינע האָפֿענונגען איך האָב פֿאַר אייך גע־שפּרייט, ווי מען שפּרייט אויס אַ טעפּיך.
אייך צו זען איך האָב געגליסט, ווי עס גליסט אַ חתן אַ כּלה.
אַלץ איז אַזוי שיין געווען און די דערוואַרטונג פֿון אייער קומען האָט מיך אויפֿסניי צום לעבן פֿאַר־שיכּורט.
נאָר קיינער האָט זיך ביי מיין טיר נישט באַ־וויזן און אומזיסט איז מיין וואַרטן געווען.
און אַ פֿאַרשעמטער בין איך צוריק אַריין אין מיין הויז.

מג

ווי מיט קלאַווישן

ווי מיט קלאַווישן באַרירן דיינע פינגער די ערד און עס גייט אויף דאָס געזאַנג פון לעבן.
מיט דער מייסטערשאַפט פון דיין שפּילן, ציסטו אַרויס לעבן אויך פונעם טויט. —
פון די אָפּגרונטן פונעם נישט-זיין גייט אויף לעבן אין טיפער פאַרבאָרגעניש, ביז עס פאַרשווינדט צוריק אין די שאָטנס פון דער נאַכט.
און איבער אַלץ איז אַ שלייער פאַרהאָנגען.

יעקב כהן

מד

פֿאַרהוילן איז מיר

פֿאַרהוילן איז מיר דיין זיין, ווי ס'איז מיר פֿאַרהוילן מיין אייגענע שליחות.

איך זע פֿיל צייכנס, נאָר איך פֿאַרשטיי נישט זייער מיין.

מיד בין איך פֿון די פֿיל רעטענישן און מיסטע־ריעס, און איך לעכץ נאָך איין קלאָרן צייכן פֿון דיין האַנט.

דערעסן מיר זיינען די אַלערליי פּירושים און דער געראַנגל פֿון מיינע אייגענע זוכענישן.

מה

איין שטויבל בלויז

איין שטויבל בלויז איז אַריין אין מיין אויג
און האָט מיין ראיה טונקל געמאַכט.
און אַלץ אין מיר געוואָרן איז פאַרשטעלט.
די נאָענטע זאַכן קומען אין מיר אויף און איך
קען זיי נישט באַנעמען.
און די ווייטע דערגרייכן מיך אינגאַנצן נישט.
ווייל דאָס שטויבל אין מיין אויג האָט אַלץ
אין מיר טונקל געמאַכט. —

יעקב כהן

מו

ווען זיינען פאַראַן

ווען זיינען פאַראַן אַזוי פיל, און איך ווייס
נישט מיט וועלכן וועג צו מיין גאָרטן צו קומען.
ס'האָט מיין גאָרטן זיך היינט צעבליט און איך
וויל אין זיך אַריינדופטן די ריחות פון זיינע רויזן־
געבליטן.
איך אייל זיך, די נאַכט פאַלט צו, און איך ווייס
נישט וועלכער איז דער נאָענטסטער וועג צו מיין
גאָרטן.

מז

איך וועל צו דיר זינגען

איך וועל צו דיר זינגען, אָ, ליכט, דו אויפ־
רייסנדיקער בליץ פון דער נאַכט.
דו, וואָס טראָגסט אין זיך די אייביקע בשורה
פונעם לעבן.
איין שטראַל דיינער באַלעבט אַלץ און טרונקט
אָן דעם באַשאַף מיט פרייד.
רייסזשע ווי אַ שאָל אויף די פינצטערניש און
שטראַל אויך אַריין אין מיין האַרץ.
איך וועל אויפוואכן און דיר זינגען לידער פון
שטראַלנדיקער פרייד.

מח

מיין צייט איז באַגרענעצט

מיין צייט איז באַגרענעצט, און דער אורח קומט אַלץ נישט.
איך האָב פאַר אים מיין הויז צוגעגרייט, פרישע בלומען געבראַכט און טעפּיכער געשפּרייט.
און ער, דער אורח, באַווייזט זיך אַלץ נישט.
און ווי איז מיר, מיין צייט אַזוי קורץ איז, און ער, דער אורח, קומט אַלץ נישט.
און איך קען מער נישט וואַרטן.

מט

דער וועג איז

דער וועג איז אַזוי ווייט און טונקל, און איך האָב מורא זיך צו אים צו לאָזן.

פאַרבאָרגן ער ליגט צווישן קוסטעס, און אַ געדיכטער שלייער הענגט איבער אים.

אין פינצטער רוט די נאַכט, און די בליטן קומען אויף אין ליכט פון טאָג און פרייד.

און מיין האַרץ אינעם אייגענעם טונקל, וויל אַרויס צו ליכט און פריי.

יעקב כהן

נ

אָפּטמאָל וויל איך

אָפּטמאָל וויל איך אָנקלאַפּן אין דיין טיר, און
ווי אַ בעטלער מיט אויסגעשטרעקטע הענט וויל איך
פון דיר אויסבעטן אַ געשאַנק.
נאָר יעדעס מאָל פאַרליר איך צו דיר דעם וועג
און די האָפענונג.
נישט קיין וווּנדער איז, וואָס שוואַך איז געוואָרן
מיין אמונה.
ווייל פון מאָל צו מאָל, ווען מיין קופערט הייבט
אָן ווערן פולער, באַרויבסטו מיך.
און יעדעס מאָל איז דער רויב אַלץ גרעסער
און גרעסער.

נא

ווען מיד איך ווער

ווען מיד איך ווער פון פיל טראַכטן, זינק איך איין אין דער שטילקייט פון דער נאַכט.

טיף אין מיר איז דער שלאָף, נאָר ס׳האַרץ באַוועגט זיך ווייטער אינעם ריטעם פון מיין וועזן.

דער מוח פאַלט צו ווי די לעפלעך אויף מידע אויגן, וועבנדיק ווייטער די מעשה פון לעבן.

ס׳לעבן אין מיר וואַכט, איך וואַך אויף, און דערקוויקט מיט דער ברכה פון ליכט, וויל איך געפי־נען דעם וועג צו מיין חלום.

יעקב כהן

נב

נישט איינמאָל

נישט איינמאָל וויל איך זיין ווי א קינד, וואָס האַלט אין איין רופן „טאַטע".

נאָר פאַרהוילן איז מיר זיין געשטאַלט און זיינע מעשים.

אַלץ וואָס ווערט וועגן אים דערציילט, איז א מעשה־געשפּין — פון מענטשלעכע הענט.

און איך קען אַזאַ געשפּין נישט פאַרטראָגן.

ווונדערלעך איז דער געשפּראַץ פון די בלומען, נאָר אין פּיין און צער איז זייער פאַרוויאַנען.

פאַנטאַסטיש איז דער ליכט־געשפּריץ, נאָר אין שוידער און שרעק איז געהילט דאָס לעבן.

און פון מאָמענט וואָס איך האָב זיך אינעם לעבן געפונען, ברענט אין מיר די בושה און די מורא.

נג

איינגעקלאַמערט

איינגעקלאַמערט אין דער אייגענער נעץ, האַלטן מיך די ספקות געפאַנגען.

זיי זעצן זיך אָפּ ווי שטויב אין די טונקלענישן פון מיין וועזן.

צעטרייסלט פון די אָפּטע וואַקלענישן פון מיין גייסט, צעגייט מיין הארץ אין אומרו.

מיין לעבן נישט פאַראַנקערט, זינקט איין אינעם זומפּ פון אָן האָפן און צערודערונג.

און בלוט־אָרעם, — פאַרליר איך די כוחות און די לעבנס־זאַפטן.

יעקב כהן

נד

איך האָב זיך נישט

איך האָב זיך נישט געקענט, ווען איך האָב מיט איינמאָל אויפגעשפּראָצט צום לעבן.

אין טיפער פאַרוווּנדערונג, האָט מיין לעבן אויפגעוואַכט מיטן ערשטן געשריי פון הונגער.

אויסגעקנאָטן פון פיל פאָרמען, האָב איך געפונען מיין אַליינקייט — אין אַ האַרץ פול צער און פּיין.

וואַנדער איך אַ שווייגנדיקער צווישן שאָטנס און טראָג אָן אַ זין מיין לעבן, ווי עס טראָגט אַ פויגל זיינע יונגע.

נה

דו ביסט פריי

„דו ביסט פריי", האָט ווער צו מיר געזאָגט, ביי מיין געבוירן.
„די טיר איז אָפן, ווו דו ווילסט קענסטו גיין".
און איך אומבאַהאָלפן און גאָר אָן וויסן, האָב זיך צו די רייד צוגעהערט און זיך צום לעבן פאַר־שיכורט.

נאָר נישט לאַנג געגומען האָט עס מיר צו וויסן ווי שווער באַלאָדן איך בין און ווי פול מיט פיין און זאָרג איז יעדע רגע פון מיין לעבן.

מיט ליכט און שאָטן איז באַדעקט די ערד, און ווי אַ ווינט יאָגט זיך דער מענטש פון וועג צו וועג.

שרעק און פיין עסט אויף זיין האַרץ, און זיין פנים געהילט אין בושה, זוכט אַ גאַנץ לעבן דעם שאָטן פון זיכערקייט.

נו

אַלע טירן

אַלע טירן זיינען געווען אָפן, ווען איך האָב זיך צום לעבן באַוויזן.

די סטרונעס פון מיין האַרץ זיינען געווען אָנגעצויגן, וואַרטנדיק אויפן מייסטערס קומען.

אין ליכט און אין פּראַכט האָט זיך דער מייסטער באַוויזן, און דער פאָרהאַנג איז געוואָרן אויפגעהויבן.

מיט ליידנשאַפט און ברען האָט זיך דאָס גרויסע שפּיל אָנגעהויבן, נאָר ווי אַ ליכט האָט זיך ביסלעכווייז די פרייד אין מיר גענומען לעשן, אין דער נאַכט פון מיין לעבן.

און אַ צום לעבן פאַרמשפּטער, וויל איך צוריק געפינען דאָס ליכט און די פרייד אין מיר.

נז

הויך אין הימל

הויך אין הימל, איז היינט די זון געווען.
פון די הימלישע גרענעצן אַרוים, האָט זי פאַר־
גאָסן די ערד מיט ליכט און פרייד.
אַדורכגענומען פון דער שפע פון ווארעמקייט
און ליכט, האָב איך אויפגעוואַכט, און אַלע מיינע
אברים האָבן דעם שיר פון לעבן געזונגען.
און אַ באַטרונקענער, האָב איך שוין אַ זאָרג־
לאָזער געוואַנדערט איבער די גאַסן פון שטאָט.

יעקב כהן

נח

אויסגעקנאָטן

אויסגעקנאָטן פון אַ מייסטערס האַנט האָב
איך מיין לעבן געפונען.

פונעם נישט אַרויס איך האָב זיך אַנטפלעקט.
מיטן ערשטן געשריי פון מיין אויפקום.

אָנגעטרונקען פון אַ פאַרבאָרגענעם קוואַל, בין
איך געוואָרן פול מיט פאַרלאַנגען און באַגערן.

און באַלד האָב איך זיך גענומען ראַנגלען
צווישן מורא און בושה און דעם ברענענדיקן דאָרשט
נאָך דערפילונג.

און כאָטש נישט מיינע זיינען די זינד, ווי
כ׳איז נישט מיינער דער פלאַם וואָס גליט אין מיין
האַרץ, וויל איך נישט זינקען אינעם פיין פון די
אייגענע ראַנגלענישן.

נט

איך ווייס נישט

איך ווייס נישט דעם זין פון לעבן, ווי איך ווייס נישט דעם צוועק פון מיין קומען און אוועקגיין.

אַלץ דרייט זיך אינעם געלויף פון זיין, ווי דער מענטש קומט אויף און פאַרגייט אינעם נישט און גאָרנישט.

מיט שטורעם קומט אויף דאָס לעבן, נאָר ווי אַ ווינט יאָגט זיך דער מענטש פון ברעג צו ברעג.

דאָס ליכט פון טאָג שיינט אַריין אין מיין הויז, נאָר דער פוסטער געדויש פון די זאַכן האַלט געפאַנגען מיינע טעג.

און ווי אַ שומר שטיי איך אַ גאַנץ לעבן ביי מיין טיר, ווענבנדיק די פעדעם פון האָפענונג פאַר פרישע פרימאָרגנס.

יעקב כהן

ס

איך זוך

איך זוך אַ גאַנץ לעבן דעם פעלדז פון זיכער־קייט, נאָר איך קען אים נישט געפינען.

דערעסן מיר זיינען די רייד וואָס קומען פון הערצער פול גאווה, ווי נישטיק עס זיינען די רייד פון די, וואָס זעען נישט די אָרעמקייט אין דער אייגענער עשירות.

און צו וואָס דער געבעט פון די באַטריבטע? ווען זיינער איז דער פעלדז פון זאָרג וואָס דריקט אויף יעדן האַרץ, ווי זיינער איז דער שטורעם־געווירבל וואָס צעברעכט דאָס לעבן.

און צו וואָס מיין אייגענער געמורמל? ווען דער וואָס פאַרנעמט דעם שאַרך פון די וואַסערן קען דעם געברום פון מיין לייב און גאָר די אומרואיקייט פון מיין גייסט.

סא

ווי אַ זומער־פייגעלע

ווי אַ זומער־פייגעלע פלאַטער איך אַרום אינעם דרויסן פון מיין לעבן.

טונקל זיינען די אָפּגרונטן פון מיין גייסט, און איך האָב מורא אין זיי צו נידערן.

נאָר קלאָר זיינען די באַגערן פון מיין לייב, און איך גלוסט זיי צו דערפילן.

עס ברענט די ליידנשאַפט אין מיר, און די שטורעמדיקע מוזיק פון די נעכט צעשטורעמט מיינע בליטן.

אין ליידן און פיין רייס איך זיך נאָך דערפי־לונג, ווי בלומען זיך רייסן נאָך ליכט און טוי.

ווי אַ ים צעגיסן זיך אין מיר די פאַרלאַנגען, און ווי עס גייט אויף אַ ליכט, גיי איך אויף אין פול־קייט.

סב

אַ פֿאַרגאַפֿטער

אַ פֿאַרגאַפֿטער, שטיי איך אונטערן שטראָם פֿון מײַנע געדאַנקען.
וויאַזוי גייען זיי אויף מיט ליכט, אינעם וווּנ־דערלעכן געבוי פֿון מײַן וועזן.
שטיל איז זייער געמורמל, אין דער איידלסטער נעץ פֿון מײַן פֿעדעם־געוועב. —
געוויגן אויף דער שאָל פֿון געדאַנק, — גלייכן זיי זיך אויס אין שלום און האַרמאָניע.
ווי שטערנס שײַנען זיי אַרײַן אין מײַן הויז, אין די טריבע טעג פֿון מײַן ווינטער.
און כאָטש נישט קלאָר איז זייער שליחות אין מיר, כוואַליען זיי מיט פֿרייד אויף אינעם שפּיל פֿון מײַנע טעג, פֿאַרוויגנדיק מיך אין זיסקייט און אין שלווה.

סג

לוסטיק און צעשפּילט

לוסטיק און צעשפּילט זיינען געווען די טעג
פון מיין יוגנט, די צווייגן פון מיין בוים פול בליאונג.
פריידיקע טענער האָבן צעוויגט די לופט פון
מיין פרילינג, און מיין לעבן ווי מיט ווין באַטרונקען.
איז פון יונגקייט געווען באַרוישט.
ווי אַ פלאַנץ נאָך רעגן, בין איך געווען גיריק
נאָך לעבן און פרייד.
מיין גאָרטן אַרומגעצוימט און צעגרינט, האָב
איך געגאַרט צו רוען אין שאָטן פון זיינעביימער.
נאָר נישט לאַנג גענומען האָט עס, ווען צע-
טראָטן איז געוואָרן מיין גאָרטן און זיך אָפּגעטאָן פון
מיר האָט די פרייד.

סד

מיין לעבן

מיין לעבן איז אַ פאַרצווייגטער בוים, וועמענס
בלעטער ציטערן אויף אין יעדן ווינט-געשאַרך.
זאָרג און שרעק צערט אוים מיין לייב און צע-
טרוקנט מיינע ביינער.
מיין גייסט, אומרואיק, וויל מיך ארוממויערן
מיט אַ פעסטונג פון זיכערקייט.
ער וויל שטאַרקן מיין זיין און מיך אָנטרינקען
מיט רויש און פרייד.
נאָר פרעמד איז מיר דער רויש פון די טעג,
און מיין הארץ, אָפּגענאַרט, וויל זיך מער נישט צו-
הערן צו אַלץ וואָס איז נישט איינס מיט מיין לעבן.

סה

איך בין געווען

איך בין געווען אין מיטן פון מיין צעבלי, ווען דו האָסט זיך פלוצעם פון מיר אָפּגעקערט.
קיין שום אָנזאָג און צייכן, איז פון דיר נישט געקומען.
פאַרטאָן אין דער אייגענער שפּיל, — האָבן זיך פינצטערע וואָלקנס אַראָפּגעלאָזט איבער מיין קאָפּ.
און ווען אַרומגעזען איך האָב זיך, האָב איך שוין נישט געקענט אַנטרינען פונעם שטורעם-געפלייץ.
דער שטורעם האָט צעשטערט מיין הויז, און ווי מען קערט איבער אַ בוים, האָט ער מיין לעבן אי־בערגעקערט.
און רעזיגנירט, וואַנדער איך אַרום אינעם דרויסן פון מיין לעבן, אָפּוואַרטנדיק די לעצטע טעג פון מיין דאַ־זיין.

יעקב כהן

סו

אין געלויף פון צייט

אין געלויף פון צייט ווער איך פארלוירן.

אינעם דויער האט אויף א מאמענט אויפגע־בליצט מיין זיין, כדי ווי א טראפן צוריק צו פארשווינדן אינעם שטראם.

נאר ווען איז דער איינפאל זיך א שפיל צו טאן מיט מיין ווייל, — אין א ווילד־געטאנץ אויף שארפע שפיזן?

ווער האט באפוילן מיין קומען און האט אין די פאלדן פון א מאמעס קלייד, פאר מיר צוגעגרייט גאר די שפילערייען פון לוסט און טרויער?

ווער האט פון מיר אראפגענומען דעם שלייער, כדי מיך צו באדעקן מיט א ליכט וואס שוימט זיך אין פרייד און פיין אליין אריבער?

און ווער האט אין מיר אנגעצונדן דאס פייער פון זארג, וואס זאל פלוצעם אזוי אויסגיין אין פיין, ווי עס קומט אויף?...

טז

ביים שוועל

ביים שוועל פון אַ געבליבן הויז איז דער לערער געזעסן פאַרטראַכט.

הויך אין הימל איז געווען די זון און אירע שטראַלן האָבן באַשיינט די חורבות פון שטאָט.

אַ וויים וואָלקנדל האָט זיך באַוויזן איבער אַ סקעלעט פון אַ שול, און איז גלייך פאַרשוווּנדן, פאַרשעמט.

אַן אויסגעדאַרט, אָפּגעריסן יינגל האָט זיך צום לערער דערנענטערט און אים באַגריסט.

דער לערער האָט אויפגעהויבן זיינע פאַרטרוי־ערטע אויגן און האָט געזאָגט:

„וואָס פאַרלאַנגסטו, מיין קינד?"

„איך וויל לערנען אין דיין שולע, צוגלייך מיט די קינדער פון מיין פאָלק", האָט דאָס יינגל געענט־פערט.

„ווער ביסטו מיין קינד?"
האָט דער לערער געפרעגט.

„איך ווייס נישט מיין נאָמען און דעם נאָמען
פון מיינע עלטערן.
א פויער האָט מיך אין פעלד געפונען און אין
א גרוב מיך אויסבאַהאַלטן.
ער זאָגט אַז איך בין א ייד, און אַז מיינע על־
טערן זיינען דורך די דייטשן געוואָרן דערמאָרדעט".
האָט דאָס יינגל געכליפּעט.
„נישט וויין, נישט זאָרג, מיין קינד", האָט
דער לערער מיט גערירטקייט געזאָגט.
„דיין נאָמען וועט זיין ישראל, און דיינע עלטערן
ס'גאַנצע פאָלק.
און זיין וועסטו די קרוין פון מיין שולע".

סח

דער לערער

דער לערער איז געגאַנגען פאַרזונקען אין מחשבות. ביים ראַנד פון וועג איז געווען אַ רייך הויז, ווי מען ריכט אוים די טויטע.

אַ פרוי, דערזעענדיק אים, האָט מיט גרוים כבוד אים אין הויז אַריינגעבעטן.

ער איז אַריין, און האָט אינעם אָפּגעדעקטן אָרון דערזען אַ מת, וועמענס פנים איז געווען גע־פאַרבט און פאַרפּוצט ווי צו אַ חתונה.

די פרוי שטאָלץ פונעם לערערס באַזוך, האָט פאַר אים גערימט דעם אָרון און די רייכקייט פון דער לוויה.

דער לערער האָט זי אויסגעהערט און געזאָגט: „בעסער וואָלט געווען מיט דעם צו שפּייזן די הונגע־ריקע. נישט פאַר די טויטע איז דער כבוד און דער אויסברענג, נאָר פאַר די לעבעדיקע.

דער טויטער דאַרף שוין גאָרנישט.

און דער מענטש נאָר טראַכט און טוט, אינעם שטייגער פון לעבן"...

סט

וואָס איז דאָס

וואָס איז דאָס, וואָס נאָגט אַזוי מיין הארץ און וועקט אין אומרו מיין גייסט?
וואָס איז דאָס, וואָס טראָגט מיך אַרום אין אַ געפלאַטער. איבער אַ זיך אַליין פאַרצערנדיק פייער?
וועמענס שמייכל איז אין מיר, וואָס מאַכט מיך צו זינגען אויך אין טעג פון טרויער?
פאַראַן צייטן ווען מיינע איז די וועלט, און ווי אַ קינד גיי איך אויף אין פרייד.
נאָר באַלד פיל איך זיך אָפּגענאַרט און אַלץ אין מיר צערינט אין טרערן.
איך קען מער דעם שמייכל נישט איינהאַלטן און די שאָטנס פון די נעכט נישט פאַרטרייבן.
און דאָך בראָדזשע איך ווייטער אַרום איבער די וועגן פון מיין קיום, באַרוישט פון עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם געטראַנק.

ע

איז פאַראַן נאָך עפּעס

איז פאַראַן נאָך עפּעס, אַחוץ די ווייטקייטן
איבער מיין קאָפּ?
איז נאָך עפּעס פאַראַן, אַחוץ דער ערד און
דער זון וואָס נערן מיין חיות און רעגן מיין גייסט?
איך גאַר דאָס צו וויסן, כאָטש דאָס צו דער-
גרייכן קען איך נישט האָפן.
ווייל ווי דער שלייער הילט זיך אַליין, הילט
זיך דער גייסט אינעם אייגענעם טונקל.
ווי אַ פאַרמאַכטער שלאָס איז אַלץ אין זיך
פאַרמאַכט, און קיין שליסל איז נישט צו געפינען.
און ווי עס קלאָגט דער גוף אין זיין תפיסה,
קלאָגט דער סוד אין דער אייגענער פאַרבאָרגעניש.

יעקב כהן

עא

ווער איז דער

ווער איז דער וואָס אים זוכן מײַנע אויגן און
צו אים גלוסט איך אין די טעג פון מײַן זײַן?
וואָס איז דאָס, וואָס נעסט אין מײַן האַרץ און
פּילט אוים מײַן יעדן טײל?
מיט גרינקײט ער שוועבט אינעם געפּלאַטער
פון מײַן לעבן, און אין געשפּיל פון מײַנע טעג איז זײַן
חלק פאַראַן.
ער צעהעלט מײַן געדאַנק און רײַט פרײַ אי־
בער די הייכן פון מײַן גײַסט.
ער הענגט מיר אָן פליגל און צירט מיר אין
קלײדער פון די רײַכסטע קאָלירן.
די טרײסט ער איז פון מײַנע שווערע טעג און
די פאַרגרינגערונג פון מײַנע צעיאושטע שעהן.

עב

ווען זייער צייט איז געקומען

ווען זייער צייט איז געקומען, האָבן זיי מיינע פאָלקס־האָפענונגען דערטרונקען אין בלוט.

פאַרציקנדיקער פון חיות, האָבן זיי קינדער זויגנדיקע פון זייערע מאַמעס ברוסטן אָוועקגעריסן.

אין אַ פול געפּאַקטער שול, האָבן זיי מיין מאַמען אַ לעבעדיקע פאַרברענט און מיינע קינדער אין די גאַז־קאַמערן געטריבן.

און מיט דייטשער גרינטלעכקייט אלע איבע־ריקע אין די גריבער געוואָרפן.

אין שוידער און פיין און אונטערן געשפּאָט פון די גרויזאַמע און געשווייג פון די „באַרמהאַרציקע", איז אין בלוט אָפּגעגאַן מיין שטאָם.

צעהוליעט אין זייער עבודה זיינען געווען די מערדער, ווי די אוראַלטע פּריסטער אין זייערע טעמפּ־לען פון טויט און זנות.

און מיט בלוט געפאַרבט איז די ערד, און מיט שאַנד באַדעקט דער מענטשן־מין.

יעקב כהן

עג

עס לויערט די צייט

עס לויערט די צייט ביי מיין שוועל. און איך קען פון איר נישט אַנטרינען.
ווי אַ נעץ ליגט זי ביי מיינע פיס און איך קען צו יעדער רגע אין איר אַריינפאַלן.
פון אייביק ביז אייביק זי שטראָמט, און אַן אַ חשבון זיינען אירע יאָרן.
אירע אַלטע פאַרמעטן ווער קען לייענען און איר געשריפט ווער קען פאַרשטיין?
ווי אַ חפץ איך ווער געטראָגן אין די פאַלדן פון איר קלייד, ביז אַרויסגעוואָרפן איך וועל ווערן אין שטויב.
אָפן און אַנטפּלעקט זיינען די טעג פון מיין לעבן, נאָר גאָר פאַרבאָרגן איז דער סוד פון איר וועזן.

עד

איך רודער אַרום

איך רודער אַרום אינעם ים, כאָטש איך ווייס נישט צו וועלכן ברעג איך וועל צופירן מיין שיף.

מיינע אָרעמס שניידן די וואַסערן, כאָטש די צעשטורעמטע כוואַליעס הייבן אויף זייערע קעפּ אין דער נאַכט.

וואָס זוך איך אינעם שטורעם און וואָס שטעל איך זיך איין אינעם שפּיל?

איז עס נישט דאָס פייער פון נצחון און די האָפענונג וואָס פאַרנאַרט מיך אַהין?...

יעקב כהן

עה

אויפן וועג צום טעמפל

אויפן וועג צום טעמפל האָב איך געהאַט מיינע פאַרלאַנגען און מיין האָפן.

מיט הכנעה איך האָב איר טיר געעפנט, און גרייט איך בין געווען פאַר דער עבודה.

די אייניקייט פון שווערע הערצער און די פרומע לופט פונעם טעמפל, האָט אויף מיר אַ וואַרעמ־קייט אָנגעווייט און מיין האַרץ ווייך געמאַכט.

מיין געבעט־בוך איך האָב געעפנט. און מיט די מתפללים די תפילות גענומען זאָגן.

נאָר נישט אויפגיין אין אמונה איך האָב גע־קענט, און מיין האַרץ צוריק אָנפילן מיט בטחון.

מיין נשמה נישט אויפגעפלאַמט און מיין האַרץ ליידיק, בין איך געווען אָן גלויבן און די תפילות זיינען מיר צו אַ לאַסט געוואָרן.

און אַ נישט געהיילטער, האָב איך זיך צוריק אַהיימגעקערט אין פיין.

ע

זיי זאָגן

זיי זאָגן אַז זיי האָבן צו אים געפונען דעם וועג,
און אַז צופרידן זיי זיינען אין זייער עבודה.
קען זיין, אַז שטאַרק איז זייער אמונה, און נאָך פריש איז זייער האָפן.
נאָר איך האָב צו אים פאַרלוירן דעם וועג און זיך אַוועקגעקערט אין ספקות.
שווער איז מיר דער פאַרלוסט, און מיט שטרויכלונגען פול מיין איינזאַמער בלאָנדזשען.
נאָר איבערדריסיק מיר זיינען די איינריידעניש, און די רייד וואָס אָן ענטפער.
אַ קלאָרן ענטפער איך וויל האָבן אויף מיינע טענות, און נישט ווערן פאַרנייגט אין מיין קליינקייט.
איך וויל מיין ביטערקייט אַרויסברענגען מיט קראַפט, און אָן מורא.
און נישט פאַרלייקענען איך וועל דעם אמת, ווי טייער איך זאָל פאַר אים נישט צאָלן.

יעקב כהן

עז

אונטער דער האַנט פון רשע

אונטער דער האַנט פון רשע, ווערט צעשטערט דער שלום.

די זשעדנעקייט פון די מאַכט-גיריקע צינדט די וועלט אין פלאַמען.

אונטער אַלערליי נעמען שלייערט זיך די גי־ריקייט און דער האַס.

נאָר אַלץ איינס זיינען זייערע הענט געווייקט אינעם מאַרטירערס בלוט.

ס׳איז דאָס שוואַרצע בייז וואָס צעפרעסט זייערע הערצער און וואַרפט אין אומרו די וועלט.

נאָר נישט לאַנג הערשן קען דאָס שלעכטס, ווי דער שטורעם קען נישט אייביק שטורמען.

די ביטערניש פון באַעוולטן וועט צעשטערן זייער גיפט, און צעברעכן זייער האַרץ וועט זייער אייגענער שטורעם.

עח

איך האָב געפונען

איך האָב געפונען אירע צייכנס אין בלוט.
גרויזאַם איז געווען דער פיינט, נאָר פיינלעכער איר לעצטע זאָרג.
ברענענדיק איז געווען איר באַגער מיר איבערצוגעבן דעם סוד פון איר האַרץ, ווי אַ לעצטן „זייַ געזונט". —
איר לעבן אין מיר זי האָט געוואָלט פאַרחתמען און נישט סתם פאַרלוירן גיין אין שטויב.
דערפאַר ערגער ווי דער לעצטער פּיין, דאָס נישט קענען מיר איבערגעבן איר שליחות.
געלעכצט זי האָט אין מיר איינצוקריצן איר ליבע, און אויסקויפן מיין ווויל — פאַרן פּרייז פון איר בלוט.

יעקב כהן

עט

איך ווייס, אַז אויך דו

איך ווייס, אַז אויך דו, מיין האַרץ, האָסט דיין וועג פון פיין.
אַז שווער דיין שליחות איז, אַליין אַ געפאַנגענער אין אַ תפיסה אָן ליכט.
ענג איז דיר און שווער און מאַנאָטאָן איז דיין אַרבעט, און נאָך שווערער די אומרו און די זאָרג.
ווייניק זיינען דיינע פריידיקע טעג, נאָר פאַרדרום אין ביטערניש פול.
ווען דער שטורעם רייסט זיך אין מיין הויז ווערן אַלע פיילן אין דיר געצילט.
נאָר דו מויערסט מיך אַרום מיט קראַפט און בייגסט נישט דיין קאָפּ פאַר קיין שטורעם.
אַריבער דו הייבסט מיך איבער די כוואַליעס. און האַלטסט מיך מיט קוראַזש ביי מיין ברעג.
דו שניידסט מיין יאוש מיטן אויפבליץ פון האָפענונג, און גובר דו ביסט מיין צער מיט דער גרינגקייט פון שפיל און געלעכטער.

פ

פעסט און איינגעקשנט

פעסט און איינגעקשנט זי איז געווען, ווען באַגעגנט איך האָב איר.
נאָר שפּעטער איז איר שטימע געווען נידעריק, און איר שטאָלץ ווי שטויב געלעגן איז ביי מיינע פיס.
געדרויטלט זיך זי האָט ווען איך האָב איר אָנגערירט, נאָר איר האַרץ פאַר מיר געווען איז שוין באַזיגט.
אויפגעציטערט אין פּיין פון ליבע, האָבן די באַגערן אַלץ אין איר שטיל געמאַכט.
אין צעשטורעמטן בלוט אַריין איז די בושה, און וואַזיניק זי איז געווען אין איר לוסט.
דאָך ריין געווען איז איר האַרץ, און אומבאַפלעקט זי איז געווען אין איר ליבע.
און גרייט ווייטער זי איז געווען צו טראָגן איר גלויבן, אין פּיין און פאַרלאָזנקייט.

פא

ווען פֿאַרלאָזן פֿון אַלע

ווען פֿאַרלאָזן פֿון אַלע זי איז געווען, האָט ער זיך צו איר באַוויזן מיט אַ קראַנץ בלומען.

פֿאַרזונקען אין איר טרויער, האָט זי זיין קומען נישט באַמערקט.

נאָר ווען אין הכנעה פֿון ליבשאַפֿט ער האָט די בלומען צו איר זייט געלייגט און מיט אַ שטיל קול געזאָגט:

„נעם צו מיין מתנה, ליבסטע”.

האָט זי אירע אויגן אויף אים אויפֿגעהויבן און אַ גערירטע געענטפֿערט: „איך דאַנק דיר מיין ליבער. ביסט אין צייט געקומען און נישט פֿאַרגעסן מיר דו האָסט”.

און נישט פֿאַראַן איז קיין בעסערע מתנה ווי אַן איבערגעגעבן האַרץ און קיין גרעסערע עשירות ווי די עשירות פֿון ריינער ליבע.

פב

אויב אומעטיק זײַנען

אויב אומעטיק זײַנען מײַנע לידער און אָרעם
איז מײַן געזאַנג, איז אָבער אָפּן מײַן האַרץ און גרייט
עס איז זיך אָפּצוגעבן אין פולקייט.
נעם עס און באַהאַלט עס ווי דו ווילסט.
נאָר גיב מיר די פרייד און פאַרפּלאָנטער נישט
מײַנע טעג אין זאָרג.
נעם צו די שווערקייט פון מײַנע שעהן און
באַשיץ מיך פון די פּײַלן פון אַליינקייט.
ריים אויף מײַן טרויער, און גיס זיך מיט מיר
צונויף אין שטילקייט.

יעקב כהן

פג

אויב פֿאַרריסן

אויב פֿאַרריסן און נישט איינגעהאַלטן זיינען
מיינע לידער, איז עס נישט פֿון אַ האַרץ פֿול גאווה,
נאָר פֿון ביטערניש פֿון דיינע ווערק.

גרויס איז דער ווייטיק, נאָר גרעסער די בושה
אין מיין ברוסט.

דיין חסד איז אין שניט פֿון פּיין און גאָר אין
מענטש-פֿאַרשנייד דיין לייטזעליקייט.

אין בלוט געווייקט איז די ערד, און די וואָלקנס
אָנגעטרונקען מיט טרערן פֿון פּיין.

די זון באַשיינט דעם פֿאַרדאַרב און די לבנה
זילבערט זיך אין טויט.

טייוול גרייט דעם אַטאָם, און אין די הימלען
שפּילן זיך די מלאכים.

פֿון אַ רוצחישער האַנט ווערט אַ קינד צעריסן,
און אין חשבון פֿון זינד קערט ער אָפּ זיין פּנים. —

מיט שוידער און פיין פול איז דאָס לעבן, און גאָר דערשלאָגן זיינען דעם מענטשנס טעג.

גרינג זיינען די ווינטן אין דער עבודה פון צעשטערונג, און די אָפּגרונטן ווילן אַלץ אין זיך אַריינצונעמען.

פד

איך האָב געפונען

איך האָב געפונען זיינע בריוו אויף אַלע די וועגן.
מיט אַ ציטערדיקער האַנט איך האָב זיי אויפ־געהויבן, און מיט נייגעריקייט זיי גענומען לייענען.
מיינע אויגן איך האָב געפירט איבער זייערע שורות, נאָר האָב אין זיי גאָרנישט פאַרשטאַנען.
כאָטש געשריבן פון אַ מייסטערס האַנט און מיט אַ קלאָר געשריפט, דאָך ווייס איך נישט וואָס אין זיי שטייט געשריבן.
און וואָס מער לייענען איך פּרוּוו, אַלץ ווייני־קער ווייס איך זייער באַדייט און מיין צעטומלונג איז גרויס.

פה

דער טאָג פאַרגייט

דער טאָג פאַרגייט, די נאַכט קומט אָן, און נאָך פול איז די אַרבעט.
גרויס איז די מי און דער אָנשטרענג, נאָר שוואַך איז דאָס האַרץ.
אין אומדערפאָלג ווערט שוואַך דער ווילן, און די צייט שלינגט דעם מענטשנס טעג.
„אייל זיך צו"! שרייט די גיריקייט.
נאָר דער מענטש שלאָגט זיך אָן אין די שטיי־נער פון לעבן.
„אויפן טורעם פון לעבן גייט אויס דאָס ליכט", קלאָגט דער ווילן.
„איך קען מער נישט טראָגן די לאַסט", ענט־פערט דאָס האַרץ.

יעקב כהן

פו

איך בין געקומען

איך בין געקומען און געפונען מיין לעבן אַנגע־טרונקען פונעם קוואַל.

איבער מיין קאָפּ אַ צעליכטיקטן הימל, און שטערנס שיינענדיקע אין דער נאַכט.

אונטער מיינע פיס אַ גאָרטן אַ צעבליטן, קאַ־לירן אין שימער און געזאַנג אין שאַל.

נאָר פאַרוואָס דריקט אַזוי די מורא, און ס'האַרץ קען נישט גובר זיין די שוואַכקייט?

דער צער יאָגט די פרייד, און די קלאָג פון אַליינקייט שרייט אין דער נאַכט.

פאַרוואָס איז אַלץ פאַרהאָנגען אונטער שלייערן און איך קען קיינעם נישט געפינען אַרומצובויען מיין לעבן אין זיכערקייט און פעסטקייט?

פז

איך האָב באַגעגנט אַ פרוי

איך האָב באַגעגנט אַ פרוי רייצנד־שיין און זי האָט מיך אויף אַ צייט געפאַנגען.
מיינע געדאַנקען פול מיט איר זיינען געווען, דאָך איינס מיט איר איך האָב נישט געקענט ווערן.
מורא איך האָב געהאַט פאַר איר פוסטקייט, און פאַר איר צופיל צעשפּילטן לוסט.
געווען איך בין נאָענט צו איר, נאָר מיין האַרץ געבליבן איז רואיק און קיל.
נישט געוואָלט איך האָב זיך פאַרצערן אין איר פלאַם, און זיך פאַרוויקלען אין אַ ליבע, וואָס געהער בלויז דער ערד.
געוואָלט איך האָב זיין פריי, און נישט פאַר־קנעכטן מיין גייסט, צו אַ פאַרנאַרעניש, וואָס עסט זיך איין אין אַלץ.

יעקב כהן

פּת

עס פלאַטערט מיין האַרץ

עס פלאַטערט מיין האַרץ, ווען דאָס ליכט זאַמלט זיך אינעם מאָרגנשיין.

מיט שמחה איך נעם אויף דאָס באַנייטע ליכט אין דער בשורה פון טאָג.

איך אייל צו מיינע שריט צו באַגעגענען דעם טאָג־אויסברוך. און ווער פריי פונעם צער און פאַר־באָרגעניש פון דער נאַכט.

ווי בלומען צעבליִען זיך אין מיר די געוועבן און ס׳בלוט הייבט אָן האַסטיקער צו שלאָגן.

און וואָס מער די זון צעשיינט זיך אַלץ מער גייט אין מיר אויף די פרייד, און איך קוועל אויף ווי אַן אָנגעקוואָלענע פרוכט.

פט

איך וועל מער נישט צוימען

איך וועל מער נישט צוימען מיינע באַגערן, נאָר זיך וואַרפן אין אָרעמס פאַרשייטע, הפקר און פריי.
איך וועל פריי לאָזן מיין לוסט, ווי אַ ווינט אויפן ים.
נישט מער אַנטלויפן איך וועל פונעם לעבן, און זיך פאַרבאַרגן אין דער נאַכט.
און צו וואָס אַנטלויפן פונעם טאָג און נידערן דעם קאָפּ צו דער ערד?
ווען אַלץ איינס לויערט די נאַכט ביי דער טיר און די נישטיקייט שרייט אַרויס פון יעדער זאַך, איז בעסער זיך צו פאַרטרונקען אין פרייד און טרייבן פון זיך דעם אומעט און די טריבע טעג פונעם דאָ־זיין.

יעקב כהן

צ

ווי קינדער צעשפּילטע

ווי קינדער, צעשפּילטע, וואַרפן מיר זיך מיט די מעשׂיות פֿן לעבן, הפקר און פֿריי.

מיר פלעכטן פון זיי אוים געדאַנקען וואָס קלאַפּן אויף דער פלאַכער פּויק פונעם לעבן, — הויך און שרייאיק.

זיי עסן זיך איין אין אונדזער מוח, אַרומפּירנ־דיק אונדז בלינד אויף די אומבאַשיצטע וועגן.

געוואוינהייט און האַס צעטיילט דעם מענטש און צעקריגט מיר בלייבן אין דער פינצטער.

און ווען נאָך אונטערהאַלטן פון גיריקע הענט, — ווערן מיר באַרויבט פון יעדן האָפן און גלויבן.

און צעמישט און דערשראָקן, שאַרפן מיר שוין די שווערדן איינער קעגן דעם אַנדערן...

צא

צוריק איך בין געווען

צוריק איך בין געווען אין מיין הויז.
די פרייד פונעם אָוונט געווען איז פאַרביי, און ווידער אַליין איך בין געווען צווישן שאָטנס.
פינצטער איז געווען די נאַכט, און פאַרטאָן איך בין געווען אין מיין טרויער.
אַלע לאָמפּן איך האָב צעצונדן, נאָר דאָס ליכט פון דער נאַכט האָט נישט געקענט פאַרטרייבן מיין אומעט.
איך האָב געפּרווּט זינגען אַ ליד, נאָר נישט שטילן עס האָט געקענט מיין אומרואיק געמיט.
ביז אַ מידער איך בין פאַרזונקען אין דער איי־גענער שטילקייט.

יעקב כהן

צב

איך וועל זינגען

איך וועל זינגען ס׳ליד פון פרייד, ווייל דאָס איז דער באַגער פון מיין האַרץ און דער געבאָט פונעם לעבן.

זאָל אויפגיין דאָס שטילע גליסטן און קומען זאָל די פרייד, און פאַרשווונדן אויף אייביק זאָל דער טרויער.

איך וויל מער נישט שווייגן באַהאַלטן און פאַר־שעמט, און פאַרקרימען מיין פנים אין פיין.

זאָלן הערצער זיך צינדן אין דער נאַכט, און שטערנס פון ליבע זאָלן שיינען אין יעדנס הויז.

פאַרשווינדן זאָל די קללה און דער צער. און אויפגיין זאָל די ברכה פונעם לעבן ווי טוי.

צג

אַרומבויען איך וויל

אַרומבויען איך וויל מיין לעבן, אין ליכט און אין פרייד.
איך וועל אַרויסשלאָגן די פונקען פון מיין לייב,
— און עס קילן אין שטראָמען רואיקע און קילע.
זאָל די ליידנשאַפט נישט מער באַוּמרואיקן מיין האַרץ, נאָר צונויפגיסן עס זאָל זיך אין נחת און שלווה.
אין פולקייט זאָל אויפגיין ס'לעבן און ווייטער עס זאָל טרינקען פונעם פאַרשיכורנדיקן געטראַנק פון קיום.

צד

איך וועל וועבן

איך וועל וועבן מיינע געדאַנקען, ווען אַליין איך וועל זיין צווישן שאָטנס.
איך וועל זיך מיט זיי אַרומשפּילן ביי מיין ברעג, נישט מורא האָבנדיק צו ווערן געשטויסן פון די כוואַליעס. —
און כאָטש איך וויים, אַז צו שוואַך איז דער גרונט פון דער געדאַכטער חכמה, וועל איך דאָך זינ־קען אין אירע טיפענישן, אַפילו ווען אַן אַ צוועק.

צה

צי קאָרטשען זיך אויך

צי קאָרטשען זיך אויך די בלומען אין ווינט, ווי עס קאָרטשעט זיך מענטש אין פּיין?

צי צאַפּלט זיך אויך דער ים אין שטורעם, ווי עס צאַפּלט זיך דעם מענטשנס האַרץ אין שרעק?

די זון טרינקט אָן די וועלט מיט ליכט און פרייד, נאָר איר צעפלאַמטער שיין פאַרדאַרבט די פלאַנצן אין דעם לייב.

די לבנה זיך שפּיגלט אין די נעכט, נאָר פון אירע זילבער־קאַלטן, שיינט אַרויס דער טויט.

עס פאַלט דאָס וואַסער אין געקלאַג פון דער הייך, ווי עס ברומט דער ווינט אין זיין געצוווּנגענעם געלויף.

יעקב כהן

צו:

איך ווייס נישט פאַר ווען

איך ווייס נישט פאַר וועמען עס שיינען די ליכטער, ווי איך ווייס נישט פאַר וועמען עס צירן זיך די בלומען און עס טאַנצט אין פאַרב־געשפּיל די שקיעה.

עס אַנטפּלעקן נישט זייערע סודות די שטערן, וווּ עס ליגט ווי אַ שטומער געץ דער אויסגעשפּרייט. —

איך באַנעם נאָר די מאַנונגען פונעם לייב און די האַרטע רייד פונעם גורל, ווי איין שוים פון צוואַנג וואָלט אַלץ געבוירן.

צז

ס'איז דער וועג

ס'איז דער וועג פאַר מיר פאַרשפּאַרט און אין וואַנדערלוסט איך גאַר צו גיין.

אַלץ זיך רייסט צו פריי און פרייד, נאָר ס'האָט ווער מיין הארץ אין זיך פאַרמאַכט.

אינעם טונקל נעסט דער וואָרעם, נאָר איך גאַר צו טאָג און ליכט.

עס לעכצט די פלאַנץ צו טוי און רעגן, און איך וואַנדערן וויל פריי, אויף אַלע וועגן.

יעקב כהן

צח

איך וויל אַרויס

איך וויל אַרויס פון מיין הויז און באַגעגענען דאָס ליכט פון טאָג.
איך וויל אַוועק אינעם רוים, און אַ זאַרגלאָזער שוועבן אין די אומענדלעכע ווייטן.
געטראָגן איך וויל ווערן אויף אומגעזעענע וועגן, און אין דער פאַרבאַרגעניש איך וויל געפינען די חכמה פונעם לעבן.

צט

נישט גלייך איז

אָ, נישט גלייך איז פֿאַר אַלע די ביטערניש פֿון גורל, מיין פריינד.

נישט אַלעביימער האָט אויסגעריסן דער שטו־רעם, ווי נישט פֿאַר אַלע האָבן אויפגעהערט שיינען די שטערן.

די קלעפּ פֿון פּיין וואָס האָבן דערגרייכט מיין הויז, האָבן עס אויף אייביק צעשטערט.

און איך בלאָנקע אַרום מיט פֿאַרלוירענע האָ־פֿענונגען, ווי אַ פֿויגל אַרום אַ ליידיקער נעסט.

ק

וואָס נאָך קען איך דיר געבן

וואָס נאָך קען איך דיר געבן אַחוץ מיינע מינאָרע געזאַנגען?
אָפּגעזונדערט איך זיץ אין מיין ווינקל און פלעכט דעם מאַט פאַר אונדזער אָרעמען געלעגער.
איך וויל פאַרטרייבן די נודנע שעהן פונעם לעבן, און ווי בלומען זאַמלען די פרייד און די האָפע־נונג.
אַנטרינקען איך וויל זיך ביים ברונעם פון לוסט און ווי אַ קינד זיך טראָגן אויף פליגל פון גרינגן געלעכטער.

קא

דו טורעמסט

דו טורעמסט מיין הארץ אינעם מיטן פון מיין לעבן, ווי אינעם מיטן פון אַ באַלאַגערטער שטאָט.

עס שלאָגן זיך אין דיר אָן אַלע שטראָמען, ווי די וואַסערן אינעם ברעג פון ים.

ביים מלווה, מיין לעבן איז פאַרמשכונט, — נאָר דו געטריי היטסט מיך אָפּ דורכן בלוט־געשטראָם פון דיין רערן־נעץ.

אַליין דו שטייסט אינעם שטורעם, ווייל גאָר דיין שליחות איז לעבן...

קב

באַצאָל!

באַצאָל! שרייט דאָס בלוט אין מיר.
אָ, קום, קנא ונוקם!
זאָל קומען די שעה פון בלוט און פייער און
שטילן דעם פיין פון מיין קינדס אומשולד.
גיי זיי אַנטקעגן מיט בליץ און דונער. און צע־
שטויב זיי דינער, ווי דינסטער שטויב.
אָ, שווייגט! איר האַרן פון „רחמים" און „ליבע".
עס מאָנט דאָס בלוט פון מיין שטאָם. און גאָר
דעם פאָלקס פאַרשעמטע האָפענונגען.

קג

שטייט אויף, איר שוואַכע

שטייט אויף, איר שוואַכע און דערשלאָגענע:
אויפגעגאַן איז דער מאָרגנרויט, פאַרשוווּנדן איז די נאַכט.
לאָזט אָפּ אייערע דורכפאַלן און ספקות און קומט אַרויס.
וואַכט אויף, איר גערעכטע, און אין־ברירהדיק, גורט זיך אָן מיט גבורה.
זאָל שאַלן דער האָרן פון באַנייטן לעבן אין שלום און פרייהייט.
נישט בעטלט מער ביי קיינעם, נאָר שלאָגט פון זיך אַליין אַרויס די פונקען פון נצחון.
הייבט צוריק אויף אייערע האָפענונגען, און בלאָנקעט נישט מער אַרום ביים טויער פון יאוש.
און אין גרייטקייט זאַמלט אייערע כוחות, פאַר דער אָנגעוואָרפענער בייזער שעה פונעם שונא.

קד

און אַז קומען וועט

און אַז קומען וועט דער טאָג ווען אַוועק איך וועל פון לעבן, זיין איך וועל ווי שטויב, נישט מער וועל זיך באַוועגן.

זאָלט איר אויף מיר זאָגן, אָט אַזוי:

„געלעבט האָט אַ מענטש אין פּיין, און שוין פאַרגאַן ער איז.

אַ גאַנץ לעבן געזוכט ער האָט זיין וועג, — נאָר אים נישט געפונען.

צו ליכט זיך ער האָט געריסן, נאָר אים געפאַנ־גען האָט, פון חושך טיפסטער תהום.

זיין גייסט אַ פרעגנדיקער, געוואַנדלט האָט איבער אַלע די וועגן, — נאָר אים געטראָפן האָט, פיל פון פאַרלענד און פאַרנייגן".

קה

פאַרשפּילט ער האָט

פאַרשפּילט ער האָט די שלאַכט, דער קריגער, נאָר געווונען ער האָט דאָס לעבן. —

נישט געזוכט ער האָט דעם העלדן-קראַנץ און דעם צייכן פון נצחון.

ס׳איז אים ליבער דער רוף פון שלום, ווי דער גאווה-שאַל פון זיג.

ס׳איז די פאָן פון גייסט און מענטש-פאַרברודער זיין שטאָלץ און רום, נישט דעם האַס און פּיין פון לייב און בלוט.

יעקב כהן

קו

די פלאַמען

די פלאַמען פון האַס זיי צינדן, און גאַר דעם מענטשנס גייסט זיי שענדן.

מיט צעפאַכעטע פענער אין זייערע טעמפלען זיי מאַרשירן, אין די טעמפלען פון רויב און מאָרד.

שקר און שווינדל איז זייער כלי־זין, און גיריק זיי זייגען נאָך הערשאַפט און מאַכט.

שולד און מורא צעפרעסט זייער געביין, און דאָס שוואַרצע בייז פון זייערע הערצער, ווי לאַווע פאַרגיסט זייערע נשמות.

ווי אַ וואָרעם אין טונקל, איז זייער פאַר־טראַכט אין באַהאַלט — און די פרייד פון צעפּאַל זיי טיילן.

קז

אָ, גיב מיר

אָ, גיב מיר די ליבע וואָס באַהאַלטן איז אין דיין הארץ, וואָס זאָל זיך אַ ריינע מיר איבערגעבן ווי אַ קרבן.

זאָל דיין גוטסקייט זיך אַריינרייסן אין מיין לעבן און עס צעבליִען ווי אַ צעבליטן גאָרטן.

אָ, עפן פאַר מיר די טירן פון דיין הארץ און לאָמיר זיך באַהעפטן אינעם שווייגן.

שטייען איך וועל דאַן ביי דיין זייט, און זיין איך וועל גרייט צו דיין יעדן רוף.

קח

איך האָב דיך נישט געקענט

איך האָב דיר נישט געקענט, ווען געווען דו ביסט אין מיין האַרץ.
באַהאַלטן אין די פאַרבאָרגענישן פון מיין לעבן,
האָסטו מיך אַרומגענומען מיטן סוד פון דער ליבע.
נאָר קליין און אומדערפאַרן ווי איך בין געווען,
האָב איך פון דיין פרייד נישט געקענט געניסן.
אַצינד אָבער, ווען עלטער איך בין, זוך איך דיך אַרום, נאָר קען דיך נישט געפינען.

קט

ביסט געווען אין מיר

ביסט געווען אין מיר אין אָנהייב פון מיין צעבלי, ווען אַריינגעטאָטעמט דו האָסט אין מיר לעבן און געפורעמט מיינע גלידער.

ביסט מיטגעגאַנגען אויף אַלע מיינע וועגן, און מיר צום לעבן האָסט פאַרשיכורט.

קלאָר אין די פאַרבאָרגענישן פון מיין קיום, קענסטו די טונקלענישן פון מיין גייסט און די באַגערן פון מיין לייב.

נאָר פאַרוואָס האָסטו פאַרשלאָסן מיין האַרץ און לאָזט עס נישט ווי אַ מאָל זיך אָנטרינקען ביים קוואַל?

פאַרוואָס גייען נישט מער אויף די געזאַנגען פון אַלע ווינקלען פון מיין לעבן?

קי

איך זוך

איך זוך דעם סוד פון מיין קיום.
עס האָט מיך ווער גערופן, און איך בין געקו־
מען. —
איך וויל דערפאַר וויסן זיין נאָמען, דעם נאָמען
וואָס איז אין אַלץ.
קנאָספּן פון זיין — האָבן זיך צעעפנט אין מיין
לייב, און דאָס געשריי פון ווערן האָט אין מיר אויפגע־
ריסן צום לעבן.
נאָר איך אין גרויס פאַרוווּנדערונג בין געבליבן
שטיין, ווייל מיין פּנים איז פאַרהילט און אויף מיינע
אויגן איז אַ שלייער. —

קיא

שעה נאָך שעה

שעה נאָך שעה, געווין איך מיין לעבן.

אַ לעבן אָן זיכערקייט. און מיט נישט דער־פילטע באַגערן.

מיינע הענט זיינען ליידיק, און ער — פאַר־לאַנגט אַזוי פיל.

שווער און מיט מאַטער איז דער פאַרזיי פון מיין גאָרטן, נאָר קליין איז דער שניט.

און נישט מיין שולד איז, וואָס שווער איז מיר געוואָרן מיין עבודה, אָן עבודה מיט ווייניק אמונה און בטחון.

קיב

לאָמיר זיך אויפהערן קריגן

לאָמיר זיך אויפהערן קריגן, ברידער!
ווּעמען טוט איר שעלטן און באַרעדן?
איז דען נישט איין וועלט פאַר אַלע?
צו וואָס מערן שרעק אין מענטשנס האַרץ?!
ווען פאַרשאָלטן אַזוי אויך איז מענטש פון גע־
בורט, צו וואָס נאָך פאַרגרעסערן די זאָרגן?
בעסער יאָגט פון זיך די גאווה, איר פאַרריסענע,
לעשט דעם גלוסט, איר מאַכט־גיריקע.
און אַז אָפּטאָן מיר וועלן דאָס ביטער פון באַ־
עוולטן, וועט אויפגיין ווי טוי דער שלום און די האָפע־
נונג, און די ברכה פון וויסן און פאַרברודער וועט דער־
פרייען אונדזערע הערצער.

קיג

ווען אַליין

ווען אַליין איך זיץ אין מיין הויז, ווען געפאַנגען פון דער שטילקייט פון דער נאַכט, באַפאַלט מיך אַזאַ נאָגעניש אין מיין האַרץ, זוך איך דיך אַרום, מיין פריינט.

איך וויל דיר האָבן ביי מיין זייט, און אין דיין נאָענטקייט שטילן די בענקעניש.

אָ, לאָז מיר נישט מער זיצן אַליין אין מיין ווינקל און זיך צוהערן צום אייגענעם טרויער, ווי צום געקלאָג פונעם איינזאַמען פויגל.

לאָמיר צוריקרופן דעם פרילינג פון אונדזער לעבן און אויפלעבן די פאַרטרוקנטע הערצער.

יעקב כהן

קיד

איך זיץ ביים ברעג

איך זיץ ביים ברעג פון טייך און הער דעם
גערויש פון די כוואַליעס.
אָ, וואָס מורמלט איר פאַרשעמט און שטיל?
אויב איז אַצינד אייער שעה פון תפילה, וואָס
און צו וועמען טוט איר בעטן?
וויינט אויך פון אייך אַרוים דער טרויער?
איז אויך אייער געמורמל ווי דער געקלאַפּ פון
אַ מענטשס הארץ, דער צוואַנג וואָס אין אַלע זאַכן?
נאָר איך פאַרנעם דעם גערויש ווי דעם שאָרך
פון אַ פויגלס שוועבן, ווי אַלץ וואָס אין לעבן.
ווייל אַלע, זיי אַלע, איין מעשה זיי וועבן, —
און אין אַלץ איך וויל זען דעם פאַרברודער פון לעבן.

קטו

קום אַרויס, ברודער!

„קום, קום אַרויס ברודער!" רופט אין מיר דאָס בלוט.

עס שטייט דער גאָרטן אין זיין רייף, לאָמיר געניסן פון זיין פרוכט.

אַלע בלומען האָבן זיך צעבליט, לאָמיר דופטן זייערע ריחות.

עס שפּילט דער מאָרגן אין קאָלירן, און עס גייט אויף ס'האַרץ אין פרייד.

פריילעך זינגט דאָס שפּערל, און עס כישופט אין געפּאַרב דאָס פלאַטערל.

דאָס ליכט פאַרגיסט די ערד אין שיין, און אַלץ וואַכט אויף צום זיין. —

ביכער פון יעקב כהן:

„דריי יאָר אין פּוילישן מיליטער" (מעמואַרן)
„פּרוזשאַנסקי", ביאַליסטאָק, 1930
„אין און אַרום ציוניזם" (עסייען)
„פּרוזשאַנסקי", ביאַליסטאָק, 1931
„פון אייגענעם גאָרטן" (אַפאָריזמען און לידער)
„אַבעצע", פּאַריז, 1949
„אויף די וועגן פונעם ייִדישן קיום" (עסייען)
פאַרלאַג „צעראַטאַ", פּאַריז, 1950
„לאַבירינטן פון געדאַנק" (אַפאָריזמען)
פאַרלאַג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1951
„פאָלק, גייסט און לאַנד" (עסייען)
פאַרלאַג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1952
„צו אַ נײַ לעבן" (דערציילונגען)
פאַרלאַג „טשאַפּניק", פּאַריז, 1953
„לעבן און טראַכטן" (עסייען)
פאַרלאַג „בידערמאַן", ניו־יאָרק, 1954
„דער גורל פונעם ייד" (ראָמאַן)
פאַרלאַג „י. ל. פּרץ", תל־אביב, 1960
„אונטער די סאָוויעטישע הימלען" (זכרונות און בילדער)
פאַרלאַג „י. ל. פּרץ", תל־אביב, 1961
„די משפּחה ערליך" (ראָמאַן)
פאַרלאַג „נײַ־לעבן", תל־אביב, 1964
„אין פלאַם פון דאָרן" (פּאָעמעס און לידער)
פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב, 1965
„בין השמשות" (לידער אין פרייע פערזן)
פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב, 1966

פאַרפאַלן געוואָרענע מאַנוסקריפּטן:

„פון זיך" (לידער און פּראָזע)
ביאַליסטאָק
„מיט די כוואַליעס פון לעבן" (ראָמאַן)
ביאַליסטאָק
„ערשטע פרוכטן" (לידער)
ביאַליסטאָק